# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת קרח, ג' תמוז, שנת תשע"ח לפ"ק, אבות פרק ד'
שנה 7, גליון 38 (349)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................8:11
מוצאי שב"ק....................9:42

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........................נחמיה ט'-י'
בבלי.......................זבחים ס"ד
ירושלמי...........עבודה זרה כ"ב
תוספתא.............סוטה פרק ג'
רמב"ם............איסורי ביאה ז'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

וַיִּקָּהֲלוּ עַל מֹשֶׁה וְעַל אַהֲרֹן, לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס הָאט גֶעפֶעלְט פַאר קֹרַח אַז עֶר הָאט גֶעקְרִיגְט אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ? עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ לֵוִי, עֶר הָאט גֶעטְרָאגְן דֶעם אָרוֹן, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים קי"ט) אַז דְרֵיי הוּנְדֶערְט בְּהֵמוֹת הָאבְּן גֶעדַארְפְט שְׁלֶעפְּן דִי שְׁלִיסְלֶעךְ פוּן דִי אוֹצְרוֹת פוּן קֹרַח. עֶס הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעפֶעלְט, פַארְוָואס הָאט עֶר גֶעדַארְפְט קְרִיגְן אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ?

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י') אַז דֶער עִיקָר סִיבָּה פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן זֶענֶען וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַעַת, אוּן פַארְוָואס הָאט מֶען נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַעַת? וַוייל מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, אוּן פַארְוָואס אִיז מֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ? וַוייל מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס מֶען הָאט, דָאס מֵיינְט אַז מֶען פְרֵיידְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהן.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּגַם פוּן קֹרַח אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן מִיט וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין פְרֵיילִיךְ, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעדַארְפְט נָאךְ אוּן נָאךְ.

מֶען זֶעט אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן מִיט אֵיין מְזוּזָה אוֹיפְ'ן טִיר, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט הָאבְּן אַ גַאנְצֶע שְׁטוּבּ פוּל מִיט סְפָרִים. עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן מִיט אֵיין בֶּענְדְל תְּכֵלֶת אוֹיפְ'ן טַלִית, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט הָאבְּן אַ טַלִית וָואס אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן תְּכֵלֶת. אוּן דִי זֶעלְבֶּע בְּגַשְׁמִיוּת אִיז עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן מִיט וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעדַארְפְט נָאךְ אוּן נָאךְ, אוּן דָאס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּ קְרִיגְן אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זַיין אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ, סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת זַיין צוּפְרִידְן מִיט וָואס מֶען הָאט, אוּן סֵיי בְּרוּחֲנִיוּת, צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה אַרַיין צוּ כַאפְּן צוּ טוּן דֶעם רְצוֹן ה', אֲפִילוּ עֶס אִיז נָאר אַ קְלֵיינִיקֵייט, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל, סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, קֹרַח תשס"ה)

## א גוטווארט

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁוַואכְן; נָאר מִיט תְּפִילָה קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ טַייטְשְׁט דֶעם מַאֲמַר חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת כו:): **"אֵין עֲמִידָה אֶלָּא תְּפִילָה"**; זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, מֶען קֶען נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטֵיין נָאר מִיט תְּפִילָה, דָאס הֵייסְט: **"אֵין עֲמִידָה" - מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן, "אֶלָּא תְּפִילָה" - נָאר מִיט תְּפִילָה**; אַז מֶען אִיז מִתְפַּלֵל, מֶען מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת אוּן מֶען גֶעדֶענְקְט וָואס דֶער רֶבִּי טוּט מִיט אוּנְז, מֶען גֶעדֶענְקְט וִוי אַזוֹי מֶען הָאט אוֹיסְגֶעזֶען אָן דֶעם רֶבִּי'ן, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' שְׁלַח תשע"ח)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אוֹיפְ'ן וֶועג וִוי אִינְדֶערְהֵיים

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַסַאךְ מָאל צוּ אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל דַארְפְן פָארְן אוֹיפְ'ן וֶועג. אֵיינֶער דַארְף יֶעדְן טָאג פָארְן צוּ דִי אַרְבֶּעט, אֵיינֶער דַארְף אַמָאל פָארְן עֶרְלֶעדִיגְן זַאכְן, אִין דִי צַייט פוּן יָאר פָארְן אַסַאךְ אִידְן אַוֶועק פוּן דֶערְהֵיים אוֹיף דִי זוּמֶער וָואכְן, אָדֶער סֵיי וואו אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַמָאל פָארְן, אוּן דָאס שְׁטֶערְט גֶעוֶוענְלִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַ מֶענְטְשׁ פוּן זַיין גֶעהֶערִיגֶע סֵדֶר. וֶוען מֶען אִיז אִינְדֶערְהֵיים, הָאט זִיךְ יֶעדֶער זַיין בַּאשְׁטִימְטֶע סֵדֶר הַיוֹם, וֶוען עֶר לֶערְנְט וֶוען עֶר דַאוְונְט א.ד.ג. אָבֶּער וֶוען מֶען פָארְט אוֹיפְ'ן וֶועג וֶוערְט דִי גַאנְצֶע סֵדֶר צֶעמִישְׁט, אוּן דָאס מַאכְט אַז מֶען זָאל פַארְלִירְן דֶעם אַפֶּעטִיט אוּן מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעהֶערִיג.

וֶוען אַ אִיד אִיז אָבֶּער שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אוּן גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ גֶעשֶׁעט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין. דַאן וֵוייסְט עֶר אַז אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעפִירְט אַז עֶר דַארְף פָארְן אוֹיפְ'ן וֶועג מֵיינְט דָאס אַז עֶר קֶען טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ אוֹיפְ'ן וֶועג. אוֹיף אַזַא אוֹפָן קֶען זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אוּן אִינְגַאנְצְן נִישְׁט וֶוערְן מְבוּלְבָּל פוּן דֶעם וֶועג וָואס עֶר פָארְט.

דֶער עִיקָר אִיז דִי מוֹיל, וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ מוֹיל, דַארְף עֶר נִישְׁט וֶוערְן גֶעשְׁטֶערְט פוּנֶעם וֶועג, וַוייל מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן וֶועג, מֶען קֶען לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן וֶועג, מֶען נֶעמְט זִיךְ מִיט אַ זֶעקְל סְפָרִים, אוּן וואו מֶען גֵייט, כַאפְּט מֶען אַרַיין עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶטְלִיכֶע פְּסוּקִים חוּמָשׁ, עֶטְלִיכֶע פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, עֶטְלִיכֶע קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים א.ד.ג.

דָוִד הַמֶלֶךְ זָאגְט אִין תְּהִלִּים (תְּהִלִּים קי"ט) חִשַּׁבְתִּי דְרָכַי וְאָשִׁיבָה רַגְלַי אֶל עֵדוֹתֶיךָ. זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ (רֵישׁ פַּרְשַׁת בְּחֻקֹּתַי) אוֹיף דֶעם, דָוִד הַמֶלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'אִיךְ דַארְף גֵיין צוּ דֶעם פְּלַאץ צוּ יֶענֶעם פְּלַאץ, צוּ דֶעם הוֹיז צוּ יֶענֶעם הוֹיז', אָבֶּער מַיינֶע פִיס הָאבְּן מִיר גֶעפִירְט אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ".

קֶען זַיין דֶער פְּשַׁט, דָוִד הַמֶלֶךְ אִיז דָאךְ זִיכֶער גֶעוֶוען זֵייעֶר פַארְנוּמֶען יֶעדְן טָאג, עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען דֶער קֶענִיג פוּן דִי אִידְן אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעדַארְפְט פִירְן, אוֹיסֶער אַלֶע מִלְחָמוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעפִירְט וִוי מֶען זֶעט אִין נַ"ךְ, הָאט עֶר דָאךְ זִיכֶער גֶעדַארְפְט זַיין זֵייעֶר אַסַאךְ אוֹיפְ'ן וֶועג. אָבֶּער פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז עֶר נִישְׁט גֶעוָוארְן גֶעשְׁטֶערְט פוּן דֶעם, נָאר עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ אוֹיפְ'ן וֶועג. דָאס הָאט דָוִד הַמֶלֶךְ גֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "יֶעדְן צוּפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'אִיךְ דַארְף גֵיין צוּ דֶעם פְּלַאץ צוּ יֶענֶעם פְּלַאץ, צוּ דֶעם הוֹיז צוּ יֶענֶעם הוֹיז'", דָאס

<<<<<<

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## אִיךְ בִּין זֵייעֶר מְקַנֵּא מַיין שְׁוָואגֶער, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

**שְׁאֵלָה:**

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה וָואס שְׁטֶערְט מִיךְ זֵייעֶר. אִיךְ וֶועל דֶערְצֵיילְן וָואס דִי מַעֲשֶׂה אִיז, אִיךְ מִיט מַיין שְׁוָואגֶער הָאבְּן בֵּיידֶע גֶעלֶערְנְט אִין כּוֹלֵל צוּזַאמֶען פַאר פוּפְצִין יָאר צוּרִיק, עֶר אִיז אוֹיסְגֶעוֶועלְט גֶעוָוארְן צוּ זַיין אַ מַגִּיד שִׁיעוּר אוּן אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן אִין כּוֹלֵל. וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט מֶער גֶעלְט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען פְּרִיוַואט מִיט בָּחוּרִים, אַ חֵלֶק וָואס הַאלְטְן נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען אוּן דִי עֶלְטֶערְן ווִילְן נָאר אַז מְ'זָאל זֵיי הַאלְטְן אִין דִי רַאמֶען. נָאכְמִיטָאג לֶערְן אִיךְ אַ שָׁעָה אוּן אַ הַאלְבּ יֶעדְן טָאג מִיט אֵיינֶעם אַ חָסֵר דֵעָה וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר עֶר זָאל לֵיינֶען אַבִּיסְל.

וֶוען אִיךְ טְרֶעף מַיין שְׁוָואגֶער אוּן אִיךְ זֶע ווִי עֶר אִיז פַארְנוּמֶען מִיט לֶערְנֶען, שְׁווִימְט מִיר אוֹיף דִי קַשְׁיָא, וואוּ אִיז דֶער יוֹשֶׁר? פַארְוָואס דַארְף אִיךְ זַיין פַארְנוּמֶען מִיט שְׁטוּתִים, וֶוען עֶר אִיז פַארְנוּמֶען מִיט גָאלְד? אִיךְ הַאלְט אַז אִיךְ בִּין אֲפִילוּ אַבִּיסְל מֶער אַ לַמְדָן פוּן אִים, פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר פַארְטְרִיבְּן?

אֶפְרַיִם

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד אֶפְרַיִם נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם חָכָם אוּן תָּם (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט) ווִי דֶער תָּם הָאט גֶעהַאט אַ גוּט לֶעבְּן אוּן אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ.

דֶער תָּם אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוּסְטֶער, עֶר פְלֶעגְט אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַאבְּרִיצִירְן שִׁיךְ. וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט מַאכְן דֶעם שִׁיךְ הָאט עֶס גֶעהַאט יֶענְץ פָּנִים, עֶס הָאט גֶעהַאט דְרֵיי עֶקְן, אָבֶּער עֶר פְלֶעגְט אָנְכַאפְּן דֶעם שִׁיךְ אוּן זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין דֶערְמִיט, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: "וָואס פַאר אַ שֵׁיינְקֵייט, וָואס פַאר אַ ווָאוֹילְקֵייט דָאס שִׁיכֶעלֶע אִיז", "וָואס פַאר אַ זִיסְקֵייט דָאס שִׁיכֶעלֶע אִיז", "וָואס פַאר אַ הָאנִיגְדִיג וָואס פַאר אַ צוּקֶערְדִיג שִׁיכֶעלֶע דָאס אִיז"; אָבֶּער זַיין וַוייבּ הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעווּאוּנְדֶערְט, זִי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "אַז עֶס אִיז יָא אַזוֹי, פַארְוָואס אַנְדֶערֶע שׁוּסְטֶערְס נֶעמֶען דְרֵיי גִילְדְן פַאר אַ פָּאר שִׁיךְ אוּן דוּ נֶעמְסְט נָאר אַ הַאלְבְּן טָאלֶער?" הָאט אִיר דֶער תָּם גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס הָאט דָאס צוּ טוּן מִיט מִיר; דָאס אִיז יֶענֶעמְ'ס מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה, אוּן ווַייטֶער פַארְוָואס דַארְפְן מִיר שְׁמוּעֶסְן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן; לָאמִיר מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן ווִיפִיל אִיךְ פַארְדִין פוּן דֶעם שִׁיךְ", עֶר פְלֶעגְט צוּזַאמֶערְכֶענֶען ווִיפִיל עֶר הָאט אוֹיסְגֶעגֶעבְּן פַאר דִי סְחוֹרָה אוּן ווִיפִיל עֶס אִיז אִים אַרַיין גֶעקוּמֶען רֶיוַח, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶר הָאט מַרְוִיחַ גֶעוֶוען צֶען גְרָאשְׁן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין וַוייבּ: "וָואס זָאל מִיר בַּאדֶערְן אַז אִיךְ הָאבּ פַארְדִינְט עֶפֶּעס רֶיוַח מִיַּד לְיַד?"

אִין דִי מַעֲשֶׂה לִיגְט דֶער סוֹד ווִי אַזוֹי מֶען קֶען הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים אוֹיף דֶער וֶועלְט; אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט וָואס צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. אַז מֶען קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן הָאט מֶען נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, אֵיינֶער וָואס אִיז מְקַנֵּא אַ צְוֵוייטְן עֶסְט זִיךְ אוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנב:): "כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ קִנְאָה – עַצְמוֹתָיו מַרְקִיבִין", וֶוער עֶס אִיז מְקַנֵּא אַ צְוֵוייטְן, וֶוערְן זַיינֶע בֵּיינֶער פַארְפוֹילְט; בִּפְשְׁטוּת גֵייט עֶס אַרוֹיף אוֹיף נָאךְ דִי פְּטִירָה, אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵּא גֶעוֶוען, וֶועט זַיין גוּף נִישְׁט פַארְפוֹילְט וֶוערְן אִין קֶבֶר. מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶע מֶענְטְשְׁן; אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט קִנְאָה, וֶוערְן אִים זַיינֶע בֵּיינֶער פַארְפוֹילְט בְּחַיִּים חַיּוּתוֹ; בְּמֶשֶׁךְ זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן עֶסְט עֶר זִיךְ אוֹיף: 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַזַא לֶעבְּן ווִי יֶענֶעם?' 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַזַא וַוייבּ ווִי יֶענֶער?' 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַזַא הוֹיז ווִי יֶענֶעם?' וָואס בֶּאֱמֶת דַארְף אַ מֶענְטְשׁ ווִיסְן אַז אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן דִי סָארְט לֶעבְּן; אַזַא וַוייבּ, אַזֶעלְכֶע קִינְדֶער, וְכוּ' וְכוּ', דַארְף מֶען גְלֵייבְּן אַז דָאס אִיז דָאס בֶּעסְטֶע פַאר מִיר, אוּן בֶּעסֶער קֶען נִישְׁט זַיין.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן לד): יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ אַ נְקוּדָה וָואס אַ צְוֵוייטֶער הָאט נִישְׁט; אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כא:): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ דָאקְטֶער וָואס הָאט גֶעהֵייסְן אַבָּא אוּמְנָא, עֶר פְלֶעגְט בַּאקוּמֶען יֶעדְן טָאג אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל: "שָׁלוֹם עָלֶיךָ אַבָּא אוּמְנָא"; אַבַּיֵי פְלֶעגְט בַּאקוּמֶען נָאר אֵיין מָאל אַ וָואךְ אַ גְרִיס פוּן הִימְל, יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת פְלֶעגְט עֶר הֶערְן אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל: "שָׁלוֹם עָלֶיךָ אַבַּיֵי"; רָבָא פְלֶעגְט בַּאקוּמֶען דֶעם בַּת קוֹל נָאר אֵיין מָאל אַ יָאר, יֶעדְן עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר פְלֶעגְט עֶר הֶערְן: "שָׁלוֹם עָלֶיךָ רָבָא"; זָאגְט דִי גְמָרָא אַז אַבַּיֵי הָאט גֶעהַאט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת פַארְוָואס עֶר בַּאקוּמְט נָאר אֵיינְמָאל אַ וָואךְ אַ בַּת קוֹל, אוּן אַבָּא אוּמְנָא בַּאקוּמְט יֶעדְן טָאג אַ בַּת קוֹל, הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט פוּן הִימְל: "לָא מָצֵית לְמֶעֱבַד כְּעֻבְדָא דְאַבָּא אוּמְנָא", דוּ קֶענְסְט נִישְׁט טוּן וָואס אַבָּא אוּמְנָא טוּט; אַזוֹי ווִי דֶער תָּם פְלֶעגְט זָאגְן: "דָאס אִיז יֶענֶעמְ'ס מַעֲשֶׂה, אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה".

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פְרוֹי וָואס פְלֶעגְט זֵייעֶר מְקַנֵּא זַיין אִירֶע שְׁכֵנִים, אוּן זִי פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג מוּטְשֶׁען אִיר מַאן: "קוּק ווִי אוּנְזֶערֶע שְׁכֵנִים גֵייעֶן אַרוֹיס פַארְבְּרֶענְגֶען צוּזַאמֶען צְוֵויי מָאל אַ וָואךְ, פַארְוָואס נֶעמְסְטוּ מִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיס?" דֶער מַאן פְלֶעגְט אִיר אַלְץ זָאגְן: "אִיךְ הָאבּ לִיבּ צוּ זַיין מִיט דִיר אִין שְׁטוּבּ, וָואס דַארְפְסְטוּ קוּקְן אוֹיף דִי שְׁכֵנִים? דָאס אִיז יֶענֶעמְ'ס

<<<<<<

>>>>>>

מֵיינְט אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט דֶעם חֶשְׁבּוֹן וואוּ עֶר דַארְף אַלְץ גֵיין יֶענֶעם טָאג. "אָבֶּער מַיינֶע פִּיס הָאבְּן מִיר גֶעפִירְט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ", אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁפִּירְט אַזוֹי ווִי אִיךְ וָואלְט גֶעוֶוען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט שְׁטֶערְן פוּנֶעם וֶועג. ווַייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען עֶר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן וֶועג פּוּנְקְט ווִי אִינְדֶערְהֵיים.

דָאס אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר ווִיכְטִיג פַאר אִינְגֶעלַייט צוּ ווִיסְן. גֶעוֶוענְלִיךְ אַ אִינְגֶערְמַאן וֶוען עֶר הָאט חֲתוּנָה נֶעמְט עֶר זִיךְ פָאר אַז עֶר גֵייט זַיין ווָאוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, עֶר גֵייט זִיךְ נֶעמֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען. אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט לְמַעֲשֶׂה, דִי וַוייבּ שְׁלֶעפְּט אִים אַיינְקוֹיפְן, אָדֶער צוּ גֵיין צוּ מִשְׁפָּחָה שִׂמְחוֹת, וֶוערְט עֶר צוּמִישְׁט פוּן זַיין סֵדֶר, אוּן עֶר וֶוערְט אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן דֶעם, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מִיט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ אוֹיךְ אוֹיפְ'ן וֶועג, אוּן מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וואוּ נָאר מֶען גֶעפִינְט זִיךְ.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶר הָאט אַ ווַייטֶע וֶועג צוּ גֵיין, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "ווִי ווַייט אִיז פוּן מוֹיל בִּיז צוּם הַאַרְץ?" דָאס מֵיינְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ מוֹיל מִיט אַ הַארְץ קֶען עֶר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ אוֹיפְ'ן וֶועג, עֶר קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר קֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אוּן עֶר וֶועט אֲפִילוּ נִישְׁט פִילְן אַז עֶר אִיז אוֹיפְ'ן וֶועג.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן זָאגְן אוֹיף רֶבִּי נָתָן אַז עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אוֹיפְ'ן וֶועג נָאךְ מֶער ווִי אִינְדֶערְהֵיים, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז קַיין שׁוּם זַאךְ הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטֶערְן, עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן וֶועג פּוּנְקְט ווִי עֶר וָואלְט גֶעזִיצְן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ.

### שְׁטֶעל זִיךְ אָפּ אַ מִינוּט

דֶער אֱמֶת אִיז אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע חֶסֶד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען מוּז פָארְן פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם אַנְדֶערְן, ווַייל אַסַאךְ מָאל זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַזוֹי פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְלָאגְט אַז עֶס קוּמְט אִים אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיס קַיין צַייט זִיךְ אָפְּצוּשְׁטֶעלְן אַ מִינוּט אוּן רֶעדְן עֶטְלִיכֶע ווֶערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "בַּאשֶׁעפֶער, וואוּ הַאלְט אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט?" "בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַרוֹיס מִיט וָואס אִיךְ דַארְף". וֶוען מֶען פָארְט אָבֶּער אוֹיפְן וֶועג אוּן מֶען הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּהן, קֶען מֶען אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט מִיטְן זִיךְ דוּרְךְ רֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה פַארְן מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

וֶוען מֶען גֶעפוּנְט זִיךְ אוּנְטֶערְוֶועגְס, קוּמְט מֶער אוֹיס צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט, צַייט אִיז דִי טֵייעֶרְסְטֶע זַאךְ וָואס עֶס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, מֶען קֶען עֶס נִישְׁט קוֹיפְן פַאר קַיין שׁוּם גֶעלְט, דָאס אִיז נָאר אַ מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, אוּן יֶעדֶע מִינוּט צַייט וָואס עֶס גֵייט אַוֶועק לֵיידִיג אִיז אַ פַארְלוּסְט וָואס מֶען קֶען מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק בַּאקוּמֶען.

דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי טֵייעֶרֶע צַייט אוּן זֶען אַז עֶס זָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין לֵיידִיג, נָאר וֶוערְן אוֹיסְגֶענוּצְט אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג. יֶעדֶע מִינוּט וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אִיז שׁוֹין אַ גֶעשְׁטָארְבֶּענֶע מִינוּט, עֶס וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען, אוֹיבּ מֶען הָאט עֶס אוֹיסְגֶענוּצְט ווִי מֶען דַארְף אִיז גוּט, אוּן אַז נִישְׁט אִיז עֶס שׁוֹין דֶערְנָאךְ.

עֶס אִיז בַּאקַאנְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זִי"עַ הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ תַּלְמִיד חָכָם פוּן פִינְף מִינוּט, אוּן וֶוען דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן זִיךְ גֶעווּאוּנְדֶערְט: "ווִי אַזוֹי קֶען מֶען וֶוערְן אַ תַּלְמִיד חָכָם אִין פִינְף מִינוּט?" הָאט עֶר זֵיי מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז עֶר רֶעדְט פוּן דִי פִינְף מִינוּטְקֶעלֶעךְ וָואס וֶוערְט פַארְוַואסֶערְט בַּיי מֶענְטְשְׁן, עֶר הָאט אָבֶּער יָא גוּט אוֹיסְגֶענוּצְט דִי קְלֵיינֶע מִינוּטְקֶעלֶעךְ אוּן פוּן דֶעם אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ תַּלְמִיד חָכָם.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל גוּט קוּקְן וֶוער עֶר זֶעהְן ווִי עֶס גֵייט אִים לֵיידִיג הִיבְּשׁ מֶער פוּן פִינְף מִינוּט, אוּן וֶוען מֶען זָאל צוּזַאם שְׁטֶעלְן דִי אַלֶע פִינְף מִינוּטְן וָואס גֵייעֶן לֵיידִיג בְּמֶשֶׁךְ אַ טָאג, וֶועט עֶס אוֹיסְקוּמֶען צוּ אַסַאךְ שָׁעָה'ן. אָבֶּער וֶוען מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ גֵיין לֵיידִיג, קֶען מֶען זִיךְ גָאר אַסַאךְ אַיינְקוֹיפְן אִין דִי קְלֵיינֶע צַייטְן.

עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, דֶער רָב

<<<<<<

>>>>>>
פוּן טְשֶׁעהְרִין זי"ע, עֶר פְלֶעגְט זֵייעֶר שְׁטַארְק הִיטְן אוּן אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גְעוֶוען צוּ מְחַבֵּר זַיין אַסַאךְ סְפָרִים, עֶר הָאט גְעמַאכְט אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן מִיטְ'ן נָאמֶען "פַּרְפְּרָאוֹת לְחָכְמָה", אוּן נָאךְ אַסַאךְ סְפָרִים לוֹיטְ'ן רֶבִּינְ'ס לִמּוּדִים, אוּן דָאס אַלֶעס אִיז נָאר גֶעוֶוען אִין זְכוּת פוּן זַיין שְׁמִירַת הַזְּמַן.

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף אִים אַז עֶר פְלֶעגְט גֵיין שְׁלָאפְן גָאר פְרִי, גְלַייךְ נָאךְ מַעֲרִיב אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן אוּן עֶר פְלֶעגְט אוֹיפְשְׁטֵיין בַּיי חֲצוֹת אוּן לֶערְנֶען בִּיז אִינְדֶערְפְרִי וֶוען עֶר הָאט גֶעדַאוְונְט וָתִיקִין.

אַזוֹי וִוי עֶר אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען דֶער רָב פוּן שְׁטָאט, הָאט עֶר גֶעדַארְפְט מְסַדֵּר קִידוּשִׁין זַיין בַּיי יֶעדֶע חֲתוּנָה אִין שְׁטָאט, הָאט עֶר גֶעהֵייסְן דֶעם שַׁמָּשׁ אַז עֶר זָאל אִים מֶעלְדְן וֶוען עֶס אִיז דָא אַ חֲתוּנָה אִין שְׁטָאט, אוּן אַזוֹי הָאט דֶער שַׁמָּשׁ גֶעטוּן, עֶר הָאט יֶעדֶעס מָאל אַייִנְגֶעמָאלְדְן פַארְ'ן רָב אִיבֶּער דִי חֲתוּנָה, אָבֶּער דֶער רָב פְלֶעגְט גֶעוֶוענְלִיךְ נִישְׁט גֵיין מְסַדֵּר קִידוּשִׁין זַיין אַלֵיין, עֶר פְלֶעגְט מְכַבֵּד זַיין דֶעם דַיָּין מִיט סִידוּר קִידוּשִׁין, אוּן עֶר אַלֵיין פְלֶעגְט נִישְׁט גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה.

אֵיין טָאג וֶוען טְשֶׁעהְרִינֶער רָב אִיז גֶעגַאנְגֶען דַאוְונֶען וָתִיקִין הָאט עֶר גֶעזֶען דָארְט אַ חָתָן, פְרֶעגְט עֶר דֶעם חָתָן: "וֶוען הָאסְטוּ חֲתוּנָה גֶעהַאט?", זָאגְט עֶר: "נֶעכְטְן נַאכְט", אִיז דֶער טְשֶׁעהְרִינֶער רָב צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם שַׁמָּשׁ אוּן אִים פָארְגֶעהַאלְטְן: "פַארְוָואס הָאסְטוּ מִיר נִישְׁט גֶערַאדְנְט נֶעכְטְן צוּ דִי חֲתוּנָה?" הָאט דֶער שַׁמָּשׁ זִיךְ פַארְעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ זֶע דָאךְ אַז דֶער רָב קוּמְט סַיי וִוי נִישְׁט צוּ דִי חֲתוּנָה, נָאר עֶר אִיז מְכַבֵּד דֶעם דַיָּין מִיט סִידוּר קִידוּשִׁין, הָאבּ אִיךְ גֶעקְלֶערְט אַז עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ רוּפְן דֶעם רָב, אִיךְ וֶועל גְלַייךְ זָאגְן פַארְ'ן דַיָּין וֶועגְן דִי חֲתוּנָה", הָאט אִים דֶער רָב גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ הָאסְט מִיר אָבֶּער אָנְגֶעוואוֹירְן אַ נַאכְט פוּן תּוֹרָה", וֶוען דֶער שַׁמָּשׁ נִישְׁט הָאט פַארְשְׁטַאנֶען הָאט דֶער רָב אִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז גֶעוֶוענְלִיךְ גֵייט עֶר שְׁלָאפְן פְרִי אוּן שְׁטֵייט אוֹיף צוּ חֲצוֹת צוּ לֶערְנֶען, אָבֶּער וֶוען עֶס אִיז דָא אַ חֲתוּנָה אִין שְׁטָאט, אוּן אַלְס רָב וָואלְט דָאךְ גֶעפַּאסְט אִיךְ זָאל גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה אוּן עֶס וָואלְט גֶענוּמֶען מִסְתָּמֶא אַ הַאלְבֶּע נַאכְט, אוּן דֶערְנָאךְ בַּיי חֲצוֹת בִּין אִיךְ דָאךְ סַיי וִוי אוֹיף, וָואלְט אִיךְ אוֹיפְגֶעוֶוען אַ גַאנְצֶע נַאכְט, אוּן דֶערְפַאר אֲפִילוּ אִיךְ גֵיי נִישְׁט צוּ דִי חֲתוּנָה, פִיר אִיךְ זִיךְ אָבֶּער אַז וֶוען עֶס אִיז דָא אַ חֲתוּנָה בִּין אִיךְ אוֹיף אַ גַאנְצֶע נַאכְט אוּן אִיךְ לֶערְן תּוֹרָה, אוּן יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט מִיר נִישְׁט אַייִנְגֶעמָאלְדְן וֶועגְן דִי חֲתוּנָה, הָאסְטוּ מִיר אָנְגֶעוואוֹירְן אַ נַאכְט פוּן תּוֹרָה... זֶעט מֶען וָואס הֵייסְט שְׁמִירַת הַזְּמַן, אוֹיסְצוּנוּצְן דִי צַייט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הִיט דִי צַייט, סַיי אִינְדֶערְהֵיים אוּן סַיי אוּנְטֶערְוֶועגְס, וֶועט עֶר מַצְלִיחַ זַיין בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת אוּן הָאבְּן דִי וֶועלְט מִיט יֶענֶע וֶועלְט אִינְאֵיינֶעם.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ)

>>>>>>
מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה", עֶר פְלֶעגְט אִיר זָאגְן: "אִיךְ בִּין גוּט צוּ דִיר, אִיךְ בִּין גֶעטְרֵיי צוּ דִיר, אִיךְ הֶעלְף דִיר", אָבֶּער זַיין וַוייבּ הָאט גֶעהַאט אִין זִיךְ קִנְאָה, זִי פְלֶעגְט שְׁטֵיין בַּיים פֶענְסְטֶער קוּקְן וִוי דִי שְׁכֵנִים גֵייעֶן אַרוֹיס צְוֵויי מָאל אַ וָואךְ; זִי פְלֶעגְט מַמָּשׁ אוֹיסְגֵיין פַאר קִנְאָה זֶעעֶנְדִיג וִוי זֵיי זִיצְן אִין זֵייעֶר קַאר אוּן פָארְן אַוֶועק וְכוּ', אוּן זִי פְלֶעגְט זֵייעֶר שְׁטַארְק מוּטְשֶׁען אִיר מַאן אַז זֵיי דַארְפְן אוֹיךְ פָארְן וְכוּ'. בִּיז אִיר מַאן הָאט אִיר אֵיינְמָאל גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וואוּ צוּ פָארְן, אֶפְשָׁר פְרֶעגְסְטוּ דִי שְׁכֵנִים וואוּ זֵיי פָארְן צְוֵויי מָאל אַ וָואךְ?" דֶעמָאלְט הָאט זִי שׁוֹין גֶעהֶערְט וואוּ זֵיי פָארְן; "מִיר גֵייעֶן צְוֵויי מָאל אַ וָואךְ צוּ אַ שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶער" - הָאט דִי שָׁכֵנְ'טֶע אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט...

דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אוּן מְקַנֵא זַיין אַ צְוֵוייטְן; יֶעדֶער הָאט זַיין נְקוּדָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט הֲנָאָה פוּן אִים, אוּן צוּלִיבּ דֶעם אִיז עֶר בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן.

אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רוּחְנִיּוּת, טָאר מֶען אוֹיךְ נִישְׁט מְקַנֵא זַיין אַ צְוֵוייטְן. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, אַז דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא כא.): "קִנְאַת סוֹפְרִים תַּרְבֶּה חָכְמָה", אִיז נִישְׁט פְּשַׁט מֶען זָאגְט דֶעם מֶענְטְשׁ: 'דוּ דַארְפְסְט מְקַנֵא זַיין אַ צְוֵוייטְן אוּן אִים נָאכְמַאכְן', וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן נִישְׁט קִנְאַת סוֹפְרִים תַּרְבֶּה "סוֹפְרִים", נָאר קִנְאַת סוֹפְרִים תַּרְבֶּה "חָכְמָה", וַוייל דִי נְקוּדָה אִיז נִישְׁט יֶענֶעם נָאכְצוּמַאכְן, נָאר וֶוען אִיךְ זֶע וִוי יֶענֶער אִיז זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ, תַּרְבֶּה "חָכְמָה", דַארְף אִיךְ טְרַאכְטְן צוּ מִיר וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין אִין מַיין זַאךְ.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט צוּ דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם מִיטְן תַּם הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: "אוּן אַז דָאס דַאוְונֶען אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אִיז עֶס אַ שִׁיכֶעלֶע מִיט דְרֵיי עֶקְן"; זֶעט מֶען אַז בַּיי רוּחְנִיּוּת דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן אַ צְוֵוייטְנְ'ס עֲבוֹדָה.

עֶס אִיז וִויכְטִיג דוּ זָאלְסְט נָאכְקוּקְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט אוֹיף דֶעם (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת פֶּסַח ט, אוֹת כב): פוּנְקְט וִוי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מְחַזֵק זַיין נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין הִתְפַּעֲלוּת פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן חוֹזֶק פוּן אִים וֶוען עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן צוּפַאלְן, אַזוֹי אוֹיךְ אוּן נָאךְ אַסַאךְ מֶער - זָאגְט רֶבִּי נָתָן - דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זַיין בַּיי זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן זַיינֶע עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים, וֶוען עֶר זֶעט וִוי זֵיי שְׁטֵייגְן אוּן זֶענֶען מַצְלִיחַ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, בְּשַׁעַת וֶוען מֶען קוּקְט זִיךְ אָן אוּן מֶען זֶעט וִוי אַזוֹי מֶען זֶעט אוֹיס וְכוּ', "וְכָל זֶה אִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר בִּכְתָב, רַק כָּל אֶחָד יָבִין בְּעַצְמוֹ כְּפִי עִנְיָנָיו, וּכְנֶגֶד כָּל מִינֵי מְנִיעוֹת וַחֲלִישׁוּת הַדַּעַת שֶׁבָּעוֹלָם צְרִיכִין לֵילֵךְ בַּדֶּרֶךְ הַנַּ"ל, בִּבְחִינַת אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם, לַחֲשֹׁב כְּאִלּוּ הוּא יְחִידִי בָּעוֹלָם".

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אַרוֹיס נֶעמֶען חִיזוּק פוּן מַיינֶע וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעשְׁרִיבְּן אוּן דוּ וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי מֶען קֶען לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים דוּרְכְ'ן קוּקְן אוֹיף זִיךְ, אוּן מֶען חַזֶרְ'ט זִיךְ אַיין דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן תַּם: "וָואס הָאט דָאס צוּ טוּן מִיט מִיר, דָאס אִיז יֶענֶעמְ'ס מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה; אוּן וַוייטֶער פַארְוָואס דַארְפְן מִיר שְׁמוּעֶסְן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, לָאמִיר מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן וִויפִיל אִיךְ הָאבּ פַארְדִינְט".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן
זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

BreslevCenter.com\answers

המשך פון דף ד

ווערן אלע נדבות צוריקגעגעבן פאר יעדן איינעם.

די תלמידים, ידידים און אנ"ש נעמען זיך אונטער א "ציל", וויפיל געלט זיי קענען זיך אונטערנעמען אריינצוברענגען פון זייערע קרובים און ידידים, יעדער וואס וויל שטעלן פאר זיך א ציל, און אזוי אויך אלע וואס ווילן איבערגעבן זייערע קאנטאקטן (אימעילס, און טעלעפאן נומערן פון זייערע באקאנטע) פאר די עסקנים וואס וועלן זיך פארבינדן צו זיי און בעטן אין זייער נאמען זיך צו באשטייערן פאר די ישיבה, ווי אויך אויף צו געבן שוין יעצט די נדבה וואס וועט ווערן צוגעלייגט אין טאג פונעם קאמפיין, ווערט געבעטן צו רופן דעם קאמפיין הויפטקווארטיר אויף 718-906-2769, אדער אויף אימעיל breslevcharidy@gmail.com, צו באקומען אנווייזונגען וויאזוי עס צו טון.

דער "הארץ קאמפיין" איז כשמו כן הוא; אידן מיט הארץ, וועלן עפענען זייער ברייטע הארץ, צו העלפן די וועלכע געבן אוועק זייער גאנצע הארץ און לעבן ארויסצוהעלפן אזויפיל אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט.

**כמים הפנים לפנים כן לב האדם לאדם!**

***

## חומש סעודה אין תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג

א שיינער ציבור איז זיך צוזאם געקומען דעם זונטאג אינדערפרי אין זאל פון עטרת אפפעל פון קהלת היכל הקודש וויליאמסבורג, צו די "חומש סעודה" פאר די טייערע קינדערלעך, די צאן קדשים פון כיתה א', וואס גייען יעצט אנגעהייבן צו לערנען די הייליגע חומש.

עס האט געהערשט א געוואלדיגע שמחה און התרגשות ווען די קינדער זענען אריינגעקומען אין זאל מיט שטראלענדע געזיכטער אנגעטון מיט בגדי שבת און מיט א גאלדענעם קרוין אויפ'ן קעפל.

דער זאל האט זיך צוביסלעך אנגעפילט מיט די טאטעס און זיידעס, אזוי אויך די עזרת נשים האט זיך אנגעפילט מיט די מאמעס און באבעס, וואס זענען געקומען שעפן נחת פון זייערע אייניקלעך וואס גייען שוין אט בעז"ה אנהייבן חומש.

דער חשובער מנהל הר"ר מרדכי אינדיג שליט"א האט אריינגעפירט דעם מעמד, און ארויסגעברענגט דעם "והיה ראשיתך מצער", אז מיט געני' די צאל קינדער וויפיל די גאנצע כיתה א' איז יעצט, איז מיט בלויז עטליכע יאר צוריק געווען די גאנצע תלמוד תורה ווען עס האט זיך געעפענט. און יעצט קע"ה האט זיך דער הייליגער מוסד אזוי שיין צובליעט, ווי אויך איבער די גרויסקייט פון די תורה וואס די קינדערלעך לערנען, וואס דאס איז די ריינסטע און די הייליגסטע וואס כלל ישראל פארמאגט.

דערנאך האט דער חשובער מלמד הר"ר ישראל יוסף שניצלער שליט"א, אליינס פון די ערשטע תלמידים פונעם חדר, ארויסגעברענגט זיין התרגשות פון די זכי' וואס ער האט זיך אפצוגעבן מיט די טייערע קינדערלעך, זיי מחנך זיין צו זיין ערליכע אידן געטריי צום הייליגן באשעפער, די כוחות וואס מ'לייגט אריין אין די קינדער נאך פון גאר קליינערהייט, אריין צו לייגן אין זיי די ריינע אמונה, און א געשמאק און אידישקייט, אז זיי זאלן בעז"ה אויסוואקסן ערליכע אידן.

די קינדערלעך האבן הויך געזאגט פסוקים פון חומש ויקרא, אזוי ווי דער מנהג איז, און דערנאך האבן די קינדערלעך געזונגען שיינע ניגונים מיט זייערע זיסע שטימעס, פון וואס יעדער האט זייער הנאה געהאט.

דערנאך האט הר"ר אהרן וועבערמאן הי"ו, וואס האט א זון און אן אייניקל אין דעם כתה א', ביידע חומש קינדערלעך, ארויסגעברענגט בשם אלע עלטערן און זיידעס די געוואלדיגע הכרת הטוב וואס זיי האבן פאר'ן ראש ישיבה שליט"א און פאר די הנהלה פון די חדר, אויף די גרויסע כוחות וואס מען לייגט אריין אין די קינדער. צום שלוס האבן די קינדערלעך באקומען א נייעם סידור וואס האט אריינגעקריצט זייער נאמען.

**יבואו טהורים ויתעסקו בטהורים!**

# נייעס איינערהאלב מוסדותינו הק׳

## שידוך שליסן און תנאים פון א תלמיד הישיבה

מיט גרויס שמחה האבן אנשי שלומינו אויפגענומען די פרייליכע בשורה פונעם שידוך שליסן פונעם תלמיד הישיבה הבחור החשוב יעקב הלל פארקאש הי"ו, בן מוה"ר יואל הי"ו, עב"ג הכלה החשובה בת מוה"ר מנחם גאלדשטיין הי"ו אב"י בעיר מאנסי.

דער שידוך שליסן און לחיים איז פארגעקומען דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג שפעט אויף דער נאכט אויף א שיינע באשיידענע אופן, מיט די באטייליגונג פון אן ענגע צאל קרובים און ידידים, וועלכע זענען זיך געקומען מיטפרייען און אנווינטשן פאר'ן חתן און די מחותנים.

די מחותנים האבן געהאט חשק שוין אויפ'ן פלאץ צו מאכן דעם תנאים, אזוי מוהרא"ש זי"ע האט אלץ געוואלט. איינער פון די באטייליגטע האט פארשאפט אויפ'ן פלאץ א "שטר התנאים", וואס איז פארגעליינט געווארן דורך מו"ה מאיר דוד פארקאש הי"ו, א פעטער פונעם חתן נ"ו.

די מחותנים דארפן אויסגעלויבט ווערן פאר'ן האבן דעם קאפ אויפ'ן פלאץ ביי די גרויסע שמחה, און האבן זיך געשפארט די אלע קאפ ווייטאגן וואס די אלע מסיבות ברענגען געווענליך מיט. די מחותנים, די חתן כלה און די געשוויסטער דארפן זיך פריש אויסשטאפירן, מ'דארף דינגען א זאל, קויפן בלומען, מטריח זיין די קרובים און ידידים איינמאל און נאכאמאל ארויס צו קומען, נאר אנשטאט דעם האבן זיי געמאכט דעם שידוך שליסן / לחיים / ווארט / תנאים וכו׳ אויף איין מאל אויף א באַחנ'טן און באשיידענעם פארנעם.

"ווען מ'פאלגט מוהרא"ש, האט מען נחת פון די קינדער, און די שידוכים קומען אן גרינג אן קיין קאפ ווי און דאגות", האט זיך דער מחותן אויסגעדריקט, "ווילאנג מ'האט א בחור אין ישיבה, איז דא פילע אויסגאבן, שכר לימוד א.א.וו. אבער, ווען מ'טוט א שידוך בשטו"מ, איז מער נישטא קיין הוצאות".

דער חתן נ"ו איז געווען נישט לאנג צוריק ביים ציון הק׳ פון מוהרא"ש זי"ע אין יבנאל און אויסגעזאגט גאנץ תהלים, ער האט אויסגעבעטן און אויסגע'פועל'ט אזא שיינעם שידוך, אזוי ווי מוהרא"ש זי"ע האט מבטיח געווען אז יעדער בחור אדער מיידל וואס וועט אויסזאגן ספר תהלים ביי זיין קבר, וועט זיכער טרעפן זיין ריכטיגער שידוך בקרוב ובניקל.

דער מחותן מוה"ר ר׳ יואל הי"ו איז דער גבאי אין ביהמ"ד היכל הקודש קרית יואל אין צענטער פון שטאט אויף העיס קט. וואו דער מחותן לערנט פאר יעדע וואך סיפורי מעשיות און זאגט דברי תורה ביי שלש סעודות, די שול איז א מאגנעט פאר אידן פון די גאנצע אומגעגנט צו הערן דברי חיזוק און עצות פון הייליגן רבי'ן ווי אזוי זיך צו שטארקן און דינען דעם אייבערשטן, און וויאזוי זיך אומצוגיין אין טאג טעגליכן לעבן.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

***

## "הארץ קאמפיין" אויף "טשערידי" פאר מוסדות ברסלב וויליאמסבורג ווערט איינגעפעדעמט

עס איז שוין היינט נישט קיין סוד אז די פעולות וואס קומען ארויס פון די מוסדות ברסלב אין וויליאמסבורג, מאכן א שטורעם איבער די גאנצע וועלט. צענדליגע טויזנטער אידן באקומען חיזוק און חיות פון די הייליגע ברסלב'ע מוסדות, פון די ישיבה און פונעם ראש ישיבה שליט"א, פון די דרשות, ניגונים, ספרים, און קונטרסים. אזויפיל אידן זענען געווארן נענטער צום אייבערשטן, אזויפיל אידן האבן זיך געשטארקט אין תורה און מצות, אזויפיל אידן זענען אויפגעראכטן געווארן און באקומען די ריכטיגע הדרכה ווי אזוי מצליח צו זיין אין לעבן אויפ'ן בעסטן און שענסטן פארנעם, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות, דורך די דרשות און שיעורים און די איבריגע פעולות וואס קומען ארויס פון די הייליגע מוסדות, וואס פארשפרייטן די לימודים פון הייליגן רבי'ן וואס קענען העלפן יעדן איינציגן איד, אין סיי וועלכע מצב ער געפונט זיך נאר.

די מוסדות זענען ברוך ה׳ די רייכסטע אויף דער וועלט, רייך אין אמונה, רייך אין תורה ויראת שמים, אייך אין מצות ומעשים טובים, רייך אין הפצה צו מזכה זיין נאך אידן און זיי דערנענטערן צום אייבערשטן; אבער אין געלט מוטשעט מען זיך זייער שטארק. די אלע געוואלדיגע פעולות קאסטן אפ שווערע געלטער, און דאס ווערט באצאלט נאר דורך אידן מיט הארץ, וואס פארשטייען די וויכטיגקייט פון די הייליגע מוסדות, זיי פארשטייען אז דאס איז ממש אן הצלה פאר'ן גאנצן דור.

די מוסדות הקדושים האבן זיך ברוך ה׳ זייער שטארק צוזאוואקסן, עס מוז שוין געשאפן ווערן א פרישער פלאץ פאר די מיידל סקול, און אויך די חדר פאר די אינגלעך איז שוין קע"ה לאנג אויסגעוואקסן דאס פלאץ. די הנהלה פלאנט יעצט בעז"ה צו קויפן א בנין פאר די חדר און פאר די סקול, וואס דאס וועט אריינציען אין שווערע געלטער.

יעצט ווען אידישע קינדער האבן דעם זעלטענעם געלעגענהייט צו קענען העלפן מיט'ן גאנצן הארץ, צו קענען צולייגן א האנט און א פלייצע, אז די אלע געוואלדיגע פעולות זאלן ווייטער קענען אנגיין בעזרת ה׳ יתברך.

אין די טעג ווערט איינגעפעדעמט דער "הארץ קאמפיין" אויף די באקאנטע "טשערידי" ארגאנעזאציע, דער ציל פון דעם קאמפיין איז אויפצוטרייבן א האלב מיליאן דאלער אין בלויז 36 שעה פון דעם קומענדיגן מאנטאג און דינסטאג פרשת חקת הבעל"ט. דריי חשובע נדבנים האבן זיך אונטערגענומען צו "מעטשן" יעדע נדבה, דאס מיינט אז יעדער דאלער וואס קומט אריין, ווערט ווי פיר דאלער, און אזוי וועט מען בעזרת ה׳ מצליח זיין אנצוקומען צום ציל אין די קורצע צייט. און ווי באקאנט ארבעט דער סיסטעם פון "טשערידי" אז עס איז 'אדער אלעס אדער גארנישט', דאס מיינט אז אויב וועט מען אנקומען צום ציל, וועלן די מוסדות באקומען דאס געלט, און אויב קומט מען נישט אן צום גאנצן ציל,

המשך בדף ג


# מוסדות היכל הקודש ברסלב

נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

**מוה"ר יואל פארקאש שליט"א**

**צו די שידוך שליסן פון זיין זון למזל טוב**

**הבה"ח יעקב הלל הי"ו**

און גלייכצייטיג א ברכת מזל טוב פאר די חשובע זיידע און באבע

**מוה"ר אברהם חיים פארקאש שליט"א וזוגתו תחי׳**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, פיל אידיש נחת געזונטערהייט, פרנסה בשפע, דורות ישרים ומבורכים, מיט סייעתא דשמיא

# סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

**מוה"ר שלמה ברוך בלוי שליט"א**

**צו די שמחת החתונה פון זיין זון למזל טוב**

**החתן אהרן הי"ו**

**עב"ג בת מו"ה חיים עקשטיין הי"ו**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, פיל אידיש נחת געזונטערהייט, פרנסה בשפע, דורות ישרים ומבורכים, מיט סייעתא דשמיא

# סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

**החתן שמחה בלאק הי"ו**

**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב"ב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, פיל אידיש נחת געזונטערהייט, פרנסה בשפע, דורות ישרים ומבורכים, מיט סייעתא דשמיא

# מוסדות היכל הקודש ברסלב

נעמט אהיים א פושקע פון די הייליגע מוסדות פאר די געוואלדיגע סגולות געהאלפן צו ווערן בדבר ישועה ורחמים ביים ליכט צינדען און צו יעדע צייט, דורכ'ן מחזק זיין די הייליגע מוסדות וואס זענען א לייכט טורעם פאר די גאנצע וועלט

**אויסצולייזיגן א פולע פושקע און צו באקומען א נייע**

**וויליאמסבורג 347-578-5726 - בארא פארק 347-760-5924**

**מאנסי 917-789-3095 - קרית יואל 845-238-0804**

**מוהרא"ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש**

# אשר בנחל

**וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.**

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן "אשר בנחל" און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך;**

**דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; און נאך** > 212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**